פרשת
לך לך
שנת תשפ"ה

גליון ה'

# בהיכלא דמלכא

א טויער צום היכל
פונעם דרך החסידות

מתוך שיעוריו ושיחותיו של **האדמו"ר מקאסוב זצ"ל**

## ספירת 'כתר' (ב)

### די ספירה פון 'כתר' ווערט אנגערופן 'מידת האין'

עס איז גרינגער אויסצופירן ווען מען פארשטייט פארוואס | **פארוואס איז די גרויסקייט פון באשעפער באהאלטן פון אונז?** | דווקא די פשוט'ע געטריישאפט איז די גרעסטע נחת רוח | **כתר ווערט אנגערופן 'אין' ווייל מיר האבן נישט קיין השגה דערין** | א מלאך קען נישט ברענגען דעם ריכטיגן נחת רוח פאר'ן אויבערשטן | **ביי בריאת העולם איז געווארן עפעס וואס זעט אויס ווי א 'יש'** | וויאזוי אנטפלעקט מען דעם 'אין' אין די גשמיות'דיגע וועלט? | **די עבודה פון 'אין' ווערט געטון דורך ביטול** | וואס איז ביטול בכלל?

**א**

## דער גרעסטער תענוג פאר'ן באשעפער

### עס איז נישט מעגליך צו פארשטיין גדלות הבורא

אין דעם פריערדיגן גליון האבן מיר ערקלערט אויפ'ן שפיץ גאפל, אויף וויפיל מיר קענען פארשטיין, אז דער ערשטער ספירה, **ספירת הכתר, איז העכער יעדע הנהגה פון דער וועלט,** ווייל דאס איז דער בלויזער רצון פון דעם הייליגן באשעפער אז ער וויל האבן א וועלט, כדי עס זאל קומען א פשוט'ער מענטש, און ער זאל אים דינען און אויסשרייען פאר דער וועלט: יש מנהיג לבירה!

מיר האבן אויך אויסגעשמועסט אז דערפאר ווערט עס אנגערופן 'רצון הפשוט', ווייל דער רצון הבורא איז העכער יעדע השגה, און **ס'איז נישט מעגליך פאר א מענטש צו פארשטיין מיט זיין מצומצם'דיגע שכל** די טיפקייט פונעם באשעפער'ס רצון, וועלכער איז פארהוילן פון יעדע נברא אויף דער וועלט, ווי דער זוהר הקדוש (תיקו"ז דף יז.) זאגט "לית מחשבה תפיסא ביה כלל"!

## אונזער פארשטאנד איז אזוי קליין

עס ווערט דערציילט אז דער הייליגער בעל התניא זי"ע איז אמאל געווען ביי א חתונה, און עס איז דארט געווען א בדחן וואס האט געזאגט בדחנות אויף די באטייליגטע. דער בעל התניא האט אים געבעטן צו זאגן בדחנות אויך אויף אים, האט דער בדחן געזאגט, "וואס איז דער חילוק צווישן מיך און דעם רבי'ן? יעדע זאך וואס איך ווייס, ווייסט דער רבי אויך. און יעדע זאך וואס דער רבי ווייסט נישט, ווייס איך דאך זיכער נישט. דער חילוק איז נאר אז ס'איז דא זאכן וואס דער רבי ווייסט און איך ווייס נישט; אבער קעגן דעם אמת'ן גרויסקייט פון דעם באשעפער - וואס דער רבי ווייסט אויך נישט - איז דאך דאס גארנישט מיט נישט..." און דער בעל התניא האט פארגאסן טייכן טרערן דערביי.

אפילו גרויסע בעלי השגה האבן נישט די מינדעסטע ידיעה אין דעם גדלות הבורא. און דאס איז א מענטש קען קיינמאל נישט פארשטיין ביז'ן סוף פארוואס דער אויבערשטער האט באשאפן דער וועלט, קען זיין א שטער פאר'ן מענטש ווען עס קומט צו דינען דעם אויבערשטן און מקיים זיין דעם רצון פון באשעפער. ווען א מענטש פארשטייט פארוואס ער דארף עפעס טון, איז עס אים אסאך גרינגער אויסצופירן, ווייל ער פארשטייט ווי

> **ס'איז דא זאכן וואס דער רבי ווייסט און איך ווייס נישט. אבער קעגן דעם אמת'ן גרויסקייט פון דעם באשעפער - וואס דער רבי ווייסט אויך נישט - איז דאך דאס גארנישט מיט נישט...**

וויכטיג עס איז. אבער אויב פארשטייט ער נישט די סיבה דערצו, דאן וואס זאל אים געבן דעם חשק עס אויסצופירן? ער פארשטייט דאך נישט...

דא דארפן מיר געדענקען א וויכטיגע נקודה: **די תכלית הבריאה איז טאקע דאס אז מיר זאלן מקיים זיין דעם רצון הבורא אפילו אויב מיר פארשטייען עס נישט.** נאכמער; די גרעסטע תענוג כביכול וואס דער אויבערשטער האט, איז אז מיר דינען אים אפילו מיר האבן נישט קיין השגה אין זיין הייליגן רצון. ווייל דווקא ווען מען דינט דעם אויבערשטן אפילו מען פארשטייט נישט דעם רצון ה', דאן ווייזט זיך ארויס ווי געטריי מיר זענען צום אויבערשטן, ווייל איך טו עס נאר ווייל דו האסט מיר געהייסן!

### דו פארשטייסט נישט?! דאס איז די חכמה!

דער הייליגער קדושת לוי זי"ע (פרשת תזריע ד"ה 'או יבואר אשה כי תזריע') פרעגט, פארוואס האט דער אויבערשטער אזא תענוג און נחת רוח ווען מיר פשוט'ע מענטשן זענען מקיים זיינע מצוות. דער גרויסער באשעפער האט דאך ביליאנען מלאכים און שרפים וחיות הקודש וועלכע שטייען גרייט אים צו דינען באימה ביראה ברתת ובזיע. **וואס דארף ער די עבודה פון די פשוט'ע מענטשן** וואס האבן נישט קיין השגה אין דעם בורא עולם?

זאגט דער הייליגער קדושת לוי: ניין!

דער אויבערשטער דארף דווקא די עבודה פון דעם בשר ודם, טאקע ווייל מיר האבן קוים א השגה אינעם גדלות הבורא ברוך הוא. **ער האט גענוג מלאכים וואס זאגן קדוש קדוש קדוש** מיט א מורא'דיגע פחד, אבער ער וויל אז דער איד זאל קומען אויף דער וועלט, וואו אלעס איז פארבלענדעט מיט א נידריגע עולם הזה, און פון דא ארויפשרייען צום בורא כל עולמים "קדוש קדוש קדוש!" דאס איז די גרעסטע תענוג און שעשוע פאר'ן רבונו של עולם, עד כדי כך אז די עבודה פון די מלאכים איז כאין וכאפס קעגן די עבודה פון אונז פשוט'ע נידריגע מענטשן.

### וואס זענען מיר מענטשן חשוב'ער ווי מלאכים?

דער קדושת לוי גלייכט עס צו צו דעם וואס מען זעט ביי די שרי האומות אז זיי האנדלען זיך איין א פאפוגיי, און זיי לערנען אים אויס ווי אזוי צו רעדן פונקט ווי א מענטש, און אלע שטייען ארום און באוואונדערן ווי דער פאפוגיי רעדט פונקט אזוי ווי א מענטש. עס שטייט דארט א פשוט'ער פויער אין א זייט און ער גיט א זאג, "איך פארשטיי נישט וואס איז די גרויסע גדולה! יעדער מענטש קען דאך רעדן!"

אבער דאס איז נאריש גערעדט, אוודאי קען א מענטש רעדן. די קונץ איז אז א פאפוגיי וואס האט נישט קיין דעת און פארשטייט נישט קיין ווארט, און דאך קען ער נאכמאכן א מענטשליכע שטימע, **דאס איז א גדולה!**

דאס זעלבע איז מיט די עבודה פון א איד. אוודאי זענען דא ביליאנען מלאכים וואס דינען דעם אויבערשטן ווייל זיי פארשטייען זיין גדלות. אבער דאס איז נישט קיין קונץ, ווייל די הייליגע מלאכים געפינען זיך אין די העכערע וועלטן, וואו מען זעט מיט א קלארקייט ווי דער אויבערשטער פירט די גאנצע וועלט מיט אזא העכערע און פונקטליכע הנהגה, איז דאך נישט קיין חכמה אז זיי לויבן און ציטערן פונעם אויבערשטן. (עיין שפת אמת משפטים תרל"ב, בשם הרה"ק מקאצק זי"ע).

די גרויסקייט פון א איד איז אז ער דינט דעם אויבערשטן **אן דעם וואס ער זאל פארשטיין**. אפילו ער פארשטייט נישט דעם רצון הבורא, ער זעט נישט די עולמות עליונים, **דאך טוט ער דאס וואס דער אויבערשטער הייסט אים**, אן קיין אמת'ע השגה אין דעם גדלות הבורא, ווייל אזוי האט ער געהייסן. דאס איז די גרעסטע תענוג פאר'ן אויבערשטן!

ב

## דער באשעפער דארף אונזער עבודה

### די ערליכע פשטות פונעם בילד

לאמיר זיך פארשטעלן א מענטש וואס האט א זון וועלכער איז א וועלטס מאלער! ער מאָלט אפ שטוינענדע מייסטערווערק, איינס שענער פונעם צווייטן. איין טאג האט דער טאטע פון דעם מעלער אפגעמאכט אז ער וויל האבן א בילד פאר זיך. דער טאטע איז געגאנגען צום זון, און ער ווייזט אויף איין געוויסע בילד, זאגנדיג: "מיר געפעלט דאס די מערסטע, איך וויל דו זאלסט מיר אזאנס אפמאלן."

דער זון גיבט א קוק פון וואס עס רעדט זיך, זעט ער אז דאס בילד איז גראדע פון א שוואכערע קוואליטעט. די פארב איז גאר פשוט, און דאס בילד

איז נישט עפעס מורא'דיג, דער טאטע האט זיכער געזען אסאך שענערע און רייכערע בילדער ווי דעם. גיבט ער א פרעג מיט וואונדער: "טאטע, איך פארשטיי נישט, איך האב דאך אסאך שענערע בילדער, וואס האט דיר פונקט דאס אזוי געכאפט?"

ענטפערט אים זיין טאטע: "קינד מיינס, ביזט גערעכט, איך זע טאקע אז דו האסט פיל שענערע און טייערערע בילדער, מיט דעם אלעם געפעלט מיר דאס בילד מער און איך האב דאס זייער ליב, און איך וויל זאלסט מיר אפמאלן אזא בילד."

יעדער איינער פארשטייט אז אפילו דער זון איז א גרויסער ספעציאליסט אין מאלעריי, און ער קען שענקען פאר זיין טאטן אסאך א שענערע בילד, איז אבער די מציאות אז 'דאס' איז דער בילד וואס געפעלט זיין טאטן. דעריבער האט ער יעצט בלויז איין מעגליכקייט אמת'דיג צופרידנצושטעלן זיין טאטן: אפצומאלן דאס בילד **וואס ער האט אים געבעטן!**

דער זון גייט זיך טאקע אוועק אהערצושטעלן א בילד וואס וועט זיין לויט זיין פאטער'ס געשמאק, כאטש ער אליין גלייכט בכלל נישט דעם בילד און ער פארשטייט נישט פארוואס ער זאל זיך אפגעבן דערמיט. אבער ער טוט עס בלויז פאר'ן טאטן. ער גייט אוועק טעג און נעכט, במשך לאנגע וואכן, מיט'ן ציל אהערצושטעלן דעם בילד וואס זיין טאטע וויל, אויפ'ן בעסטן אופן וואס איז שייך.

ווען דער טאטע באקומט למעשה דעם בילד, זאגט ער פאר'ן זון, "איך קען דיר טאקע נישט מסביר זיין די סיבה פארוואס איך האב דווקא אויסגעקליבן דעם בילד, אבער איין זאך קען איך דיר זאגן: איך ווייס אז דו אליין וואלסט געוואלט אהערשטעלן אנדערע סארטן בילדער, און פאר דיר איז גרינגער צו מאכן די הערליכע בילדער צו וואס דו ביזט איינגעוואוינט, מיט דעם אלעם האסטו דאס געמאלן, ווייל דו ווייסט אז דאס וויל איך, מיט דעם האסטו מיר געוויזן אז דו ביסט מיר אויסטערליש געטריי! מיט יעדן שטריך וואס דו האסט געצייכנט אויפ'ן בילד, האסטו מיר געוויזן דיין געוואלדיגע געטריישאפט, ווייל דו האסט עס געטון בלויז כדי מיר צו שאפן א הנאה!"

## עבודת ה' - דווקא ווייל מען פארשטייט נישט!

ווען מיר טוען דעם רצון הבורא ווייל "מיר" פארשטייען עס, איז דאס נאכנישט דער שלימות פון עבודת ה', ווייל דעמאלט טוען מיר עס בלויז ווייל "מיר" פארשטייען דאס. אבער ווען א איד דינט דעם באשעפער בלויז ווייל אזוי האט דער רבש"ע אים געהייסן, מיט'ן ריינעם כוונה אויסצופירן דעם ווילן פון הייליגן באשעפער, נישט קיין חילוק צו ער פארשטייט עס יא אדער נישט. **פון אזא איינעם האט דער אויבערשטער די גרעסטע נחת** רוח! ('אור תורה' להמגיד הגדול זי"ע, אגדות חז"ל, אות תג).

דער אור החיים הק' שרייבט אין פרשת קרח (טז, כב), אז דער אויבערשטער האט אסאך א גרעסערע נחת רוח ווען די פשוט'ע מענטשעלעך אויף דער גשמיות'דיגער וועלט דאנקען און לויבן אים, ווי ווען די מלאכים און נשמות פון צדיקים אויבן אין הימל לויבן אים. ווייל **די גשמיות'דיגע מענטשן דארפן זיך מורא'דיג אנשטרענגען** זיך מתגבר צו זיין אויפ'ן גוף וואס זעט נישט און פארשטייט נישט די גרויסקייט פון באשעפער, און זיי טוען דעם רצון פון אויבערשטן אן פארשטיין און וויסן - דאס ברענגט אים די גרעסטע נחת רוח! [זע תוספת נופך אות א]

דאס איז וואס חז"ל לערנען אונז:

> די גרעסטע תענוג כביכול וואס דער אויבערשטער האט, איז אז מיר דינען אים אפילו מיר האבן נישט קיין השגה אין זיין הייליגן רצון.

"נתאוה הקדוש ברוך הוא להיות לו דירה בתחתונים" (תנחומא נשא טז). דער אויבערשטער וויל האבן א וואוינארט אין דעם נידריגסטן ארט, אז מיר קליינע מענטשעלעך זאלן אים דינען אפילו אן קיין שום לעכטיגקייט, אן צו פארשטיין און אן צו וויסן. די איינע זאך וואס מיר ווייסן איז אז "דאס וויל דער אויבערשטער און איך טו זיין רצון" - און דאס איז זיין גרעסטע תענוג!

## נישט פראווענען קיין ענוה

דער הייליגער קדושת לוי שרייבט (פורים קדושה ג') אז מען איז מחויב צו גלייבן אז דער אויבערשטער האט א געוואלדיגע תענוג און א שמחה פון אונזער עבודה, און כאטש וואס אין יעדע זאך דארף א מענטש זיין אן עניו, אבער ווען עס קומט צו דעם ענין פון מאכן א נחת רוח פאר'ן אויבערשטן טאר מען נישט זיין קיין עניו און שפל ברך און זאגן אז דער אויבערשטער דארף נישט מיין עבודה. פארקערט; אזא מהלך המחשבה איז "נוטה קצת למינות"!!

ענליך דערצו ברענגט דער הייליגער תולדות (פרשת עקב) פונעם בעל שם הק', אז אמאל קען זיין אז די פסול'ע ענוה פון א מענטש זאל צוברענגען אז ער זאל דערווייטערט ווערן פונעם אויבערשטן, ווייל אז ער גלייבט נישט אין זיין אייגענע חשיבות, ווערט ער אפגעשוואכט אין עבודת ה', און ווען א איד זאל גלייבן וואספארא געוואלדיגע שפע ער ברענגט אויף אלע עולמות מיט זיין תורה און תפילה וואלט ער דאך אוודאי געדינט דעם אויבערשטן מיט א גרויס שמחה. **דערפאר מוז מען גלייבן אז יעדע תנועה פון א איד, יעדער דיבור און מעשה, טוט אויף געוואלדיגע זאכן אין הימל.** [זע תוספת נופך אות ב]

## דער אויבערשטער איז באהאלטן אין גשמיות

עס ווערט געברענגט אין ספר בוצינא נהורא, אז אן אייניקל פון דער הייליגער

# תוספת נופך

א] ווענגן דעם ענין אז די העכסטע מדריגה איז צו דינען דעם באשעפער אן פארשטאנד, זע אן אריכות אין ספה"ק 'באר מים חיים' (פרשת בהר ד"ה וכי תאמרו) וזל"ק:

"הַחֲכָמִים שֶׁבְּיִשְׂרָאֵל מְבִינִים כִּי אֵינָם יוֹדְעִים אֶפֶס קְצֵהוּ מִטַּעֲמֵי הַתּוֹרָה וְהַמִּצְוֹת, וְעִקַּר עֲשִׂיָּתָן הוּא לִשְׁמָן לְקַיֵּם מִצְוֹת בּוֹרְאָם... וְעַל כֵּן עוֹשִׂים אוֹתָם בְּאַהֲבָה וְיִרְאָה וְכָל הַשְּׁלֵמוּת בִּכְדֵי לַעֲשׂוֹת נַחַת רוּחַ לְפָנָיו וּלְתַקֵּן אֶת שָׁרְשָׁם בִּמְקוֹם עֶלְיוֹן בְּשִׁעוּר קוֹמָה, כִּי נוֹתְנִים דַּעְתָּם לְהָבִין אִם הַשֵּׂכֶל מְחַיְּבָן בְּלֹא צִוּוּי יִתְבָּרֵךְ אִם כֵּן לָמָּה צִוָּה הוּא יִתְבָּרֵךְ אוֹתָנוּ בָּהֶן, וַהֲלֹא מֵעַצְמֵנוּ נֵדַע מִכֹּחַ שִׂכְלֵנוּ שֶׁמְּחֻיָּב כֵּן, אִם לֹא לְפִי שֶׁכַּאֲשֶׁר גָּבְהוּ שָׁמַיִם מֵאָרֶץ כֵּן גָּבְהוּ דְּרָכַי מִדַּרְכֵיכֶם וּמַחְשְׁבֹתַי מִמַּחְשְׁבֹתֵיכֶם, וְטַעַם אֱלֹקֵינוּ בָּרוּךְ הוּא וּבָרוּךְ שְׁמוֹ בָּהֶם הֵם בִּלְתִּי שִׁעוּר וָעֵרֶךְ.... וּמוֹסִיפִין עַל יְדֵי זֶה אַהֲבָה עַל אַהֲבָה וּדְבֵקוּת עַל דְּבֵקוּת בַּעֲנָוָה בְּבוּשָׁה וְיִרְאָה וּפַחַד לוֹמַר כַּמָּה גְּדוֹלִים מַעֲשֵׂה אֱלֹקֵינוּ".

ב] וזה לשון קדשו בספה"ק תולדות יעקב יוסף (עקב):

וּכְמוֹ שֶׁשָּׁמַעְתִּי מִמּוֹרִי שֶׁרֹב עַנְוְתָנוּתוֹ שֶׁל הָאָדָם גּוֹרֵם שֶׁנִּתְרַחֵק מֵעֲבוֹדַת הַשֵּׁ"י, שֶׁמִּצַּד שִׁפְלוּתוֹ אֵינוֹ מַאֲמִין כִּי הָאָדָם גּוֹרֵם ע"י תְּפִלָּתוֹ וְתוֹרָתוֹ שֶׁפַּע אֶל כָּל הָעוֹלָמוֹת, וְגַם הַמַּלְאָכִים נִזּוֹנִין ע"י תּוֹרָתוֹ וּתְפִלָּתוֹ, שֶׁאִלּוּ הָיָה מַאֲמִין זֶה כַּמָּה הָיָה עוֹבֵד ה' בְּשִׂמְחָה וּבְיִרְאָה מֵרֹב כֹּל, וְהָיָה נִזְהָר בְּכָל אוֹת דִּתְנוּעָה וּמִלָּה לְאָמְרָהּ כְּדַקָּא יָאוּת... כָּךְ הָאָדָם רָאוּי לָשִׂים לֵב וְלוֹמַר כִּי הוּא סֻלָּם מֻצָּב אַרְצָה וְרֹאשׁוֹ מַגִּיעַ הַשָּׁמַיְמָה, וְכָל תְּנוּעוֹתָיו וְדִבּוּרוֹ וְהִלּוּכוֹ וַעֲסָקָיו עוֹשֶׂה רֹשֶׁם לְמַעְלָה לְמַעְלָה, בְּוַדַּאי יִזָּהֵר בְּכָל דְּרָכָיו וַעֲסָקָיו שֶׁיִּהְיֶה לְשֵׁם שָׁמַיִם וְכוּ'.

ג] ווענגן דעם אז כתר ווערט גערופן 'אין' ווייל ס'איז העכער יעדע השגה, זע ספר 'שערי אורה' (שער העשירי):

"וְהַסְּפִירָה הַזֹּאת [כתר] נִקְרֵאת בַּתּוֹרָה בַּלָּשׁוֹן אַיִן. צָרִיךְ אַתָּה לָדַעַת כִּי לְפִי רֹב הִתְעַלְּמוּת סְפִירַת הַכֶּתֶר וֶהֱיוֹתָהּ נִסְתֶּרֶת מִכָּל הַנִּבְרָאִים, וְאֵין מִי שֶׁיּוּכַל לְהִתְבּוֹנֵן בָּהּ זוּלָתִי לִשְׁמֹעַ אֹזֶן, כְּמוֹ שֶׁכָּתַבְנוּ לְמַעְלָה, לְפִיכָךְ נִקְרֵאת בַּלָּשׁוֹן אַיִן וכו'.

ד] דער ענין אז די עבודה פון צדיקים איז צו מאכן צוריק פון דעם אַיִן א יש, ווערט געברענגט אסאך אין די חסידישע ספרים. וזלשה"ק פון ספה"ק 'יושר דברי אמת' אות יב:

וְזֶה שֶׁאָמְרוּ גְּדוֹלִים מַעֲשֵׂה צַדִּיקִים יוֹתֵר מִמַּעֲשֵׂה שָׁמַיִם וָאָרֶץ, וְאָמַר הָאֱלֹקִי רַבִּי דּוֹב בֶּער ז"ל, מִפְּנֵי שֶׁבְּרִיאַת שָׁמַיִם וָאָרֶץ הָיָה הִשְׁתַּלְשְׁלוּת יֵשׁ מֵאַיִן, יְרִידָה מֵעֶלְיוֹן לְתַחְתּוֹן, וְצַדִּיקִים בְּמַעֲשֵׂיהֶם שֶׁמַּפְשִׁיטִים אֶת עַצְמָן מִגַּשְׁמִיּוּת וְחוֹשְׁבִים בהשי"ת תָּמִיד, וְרוֹאִים וּמְבִינִים וּמְדַמִּים בֶּאֱמֶת שֶׁהוּא כְּאִלּוּ הָיָה אַיִן כְּקֹדֶם הַבְּרִיאָה, נִמְצָא מַחֲזִירִים מִיֵּשׁ לְאַיִן, וְזֶה יוֹתֵר פֶּלֶא לְהַעֲלוֹת מִתַּחְתּוֹן לְעֶלְיוֹן וְכוּ'. עכ"ל.

רבי ר' ברוכ'ל מעזיבוזער זי"ע האט געשפילט באהאלטן מיט זיינע חברים. דאס קינד האט זיך באהאלטן ערגעץ, און געווארט אז מ'זאל אים קומען זוכן. עס גייט אריבער א שטיק צייט און דאס קינד זעט אז קיינער קומט אים נישט זוכן, איז ער אריינגעלאפן צום זיידן אין צימער מיט א געוויין: "זיידי, איך באהאלט מיר און קיינער קומט מיר נישט זוכן..."

האט דער הייליגער רבי ברוכ'ל זי"ע אויך אנגעהויבן צו וויינען, זאגנדיג: "פונקט אזוי זאגט אויך דער הייליגער באשעפער; **איך באהאלט מיר פון ענק אבער קיינער קומט מיר נישט זוכן"...**

יעדעס קינד פילט א מורא'דיגע תענוג אז זיין חבר זוכט אים אויף. פרעג אים: "פארוואס דארפסטו גיין זיצן אין א פאררוקטן ווינקל אוןווארטן מען זאל דיר אויפזוכן?!... קום ארויס פון דיין באהעלטעניש און גיי פארברענג מיט דיינע חברים..."

דאס קינד קען דיר עס נישט מסביר זיין. ער קען נאר זאגן: ווייל איך האב עס ליב... אבער פארוואס? ווייל אזוי... דאס איז דער מציאות, דאס מאכט מיר א תענוג.

דער בורא כל עולמים האט באשאפן דווקא א נידריגע וועלט וואס זעט אויס פון אויבנאויף ווי די גרעסטע סתירה צו רוחניות, און טאקע דארט זאל די אידישע נשמה - די חלק אלוק ממעל וואס ליגט טיף באהאלטן אין דעם גשמיות'דיגן גוף - **טרעפן די באהאלטענע געטליכקייט און אנערקענען אין די גרויסקייט פונעם מלך העולם!** דאס איז דעם אויבערשטנ'ס גרעסטע תענוג, און נאר ווענגן דעם האט ער באשאפן דער וועלט!

ווען א איד קומט אן צו דעם אנערקענונג, ערפילט ער דעם אמת'ן רצון פונעם אויבערשטן, ווייל אט דאס וויל דער אויבערשטער.

ג

# צוריקברענגען דעם 'יש' צום 'אין'

## גארנישט - העכער פון יעדן באגריף

די ספירת הכתר ווערט אנגערופן אַיִן (זוה"ק ח"ג רעיא מהימנא, קנז., ועוד רבות בספרי המקובלים), וואס מיינט 'נישט', ווייבאלד כתר קען מען נישט פארשטיין. עס איז נישט נאר העכער פון יעדע פיזישע מציאות, נאר עס איז אויך העכער פון יעדע שכל'דיגע הסבר; דאס איז ווי מיר האבן געשמועסט, אז **כתר איז דער רצון הפשוט** פון דעם באשעפער צו באשאפן א וועלט, און דער רצון קען מען נישט פארשטיין געבן מיט'ן מענטשליכן שכל, ווענגן דעם ווערט עס אנגערופן 'אַיִן', ווייל א מענטש האט נישט קיין שום השגה דערין. [זע תוספת נופך אות ג]

**מיט יעדן שטריך וואס דו האסט געצייכנט אויפ'ן בילד, האסטו מיר געוויזן דיין געוואלדיגע געטריישאפט, ווייל דו האסט עס געטון בלויז כדי מיר צו שאפן א הנאה! ווייל באמת קענסטו דאך אסאך שענער!**

ביי בריאת העולם האט דער אויבערשטער געמאכט א יש מאין. דער פשוט'ער פשט דערפון איז אז פאר'ן באשאפן די וועלט איז גארנישט געווען אויסער דער באשעפער, און פון דעם אַיִן - גארנישט, האט דער באשעפער געמאכט א פיזישע וועלט וואס איז א 'יש'.

דא איז וויכטיג קלארצושטעלן אז 'אַיִן' איז דער מצב פון פאר דער באשעפער האט בכלל באשאפן דער וועלט וואס דעמאלסט האט בלויז דער אויבערשטער עקזיסטירט, און עס איז נישט געווען קיין שום מקום פאר עפעס אנדערש. ממילא אונז ברואים וואס געפינען זיך שוין נאך בריאת העולם, און זענען שוין א חלק פון דעם 'יש', קענען אפילו נישט פארשטיין וואס דאס מיינט 'אין', א מציאות פון 'גארנישט' - קיין שום גשמיות'דיגער מציאות, ווייל וואס מיר וועלן זיך נאר וועלן אויס'משל'ן וועט דאס ווייטער זיין עפעס א מציאות. ווייל ווי געזאגט, היות מיר זענען א חלק פון דעם מציאות פון 'יש' איז נישט מעגליך פאר א מענטש משיג צו זיין וואס דאס איז באמת 'אין'. (עיין דרך ה' פרק א, וע"ע הקדמה ראשונה לגבורות ה' להמהר"ל).

קומט אויס אז 'אַיִן' נעמט אין זיך אריין צוויי משמעות'ן וואס זענען העכער ווי אונזער שכל: איינס איז דער מציאות הפשוט פון 'אַיִן' - גארנישט, קיין שום מציאות נישט - דאס איז דער מצב פאר בריאת העולם, וואס מיר פארשטייען 'נישט'. דער צווייטער משמעות איז דער רצון פונעם רבש"ע צו בכלל באשאפן די וועלט, וואס מיר פארשטייען אויך 'נישט', וואס דאס איז דער מהות פון ספירת הכתר - אַיִן, עפעס וואס איז העכער יעדע השגה.

## דער 'אין סוף' - באהאלטן אין די גשמיות'דיגע וועלט

ווען דער אויבערשטער האט באשאפן דער וועלט, איז געשאפן געווארן אזא זאך אז א באשעפעניש קען זיך איינרעדן אז ער איז א מציאות פאר זיך; ער האט א השגה אין הנהגת העולם, און ער 'פארשטייט' ווי אזוי זאכן ארבעטן. אבער דער אמת איז נישט אזוי, ווייל די **גאנצע בריאה איז נאר א דרויסנדיגע התגלות פון רצון הבורא**, וואס האט געוואלט אז ס'זאל זיין א בריאה וואס זאל פארדעקן די איינציגע אמת'ע מציאות - דער אור אין סוף, אז ס'זאל זיך קענען דאכטן אז ס'איז דא א מציאות חוץ פון אים ח"ו.

ווען א איד קומט אן צו די מדריגה פון כתר, איז ביי אים קלאר אז **ער פארשטייט באמת גארנישט**. ווען מיר קומען אן צו א משהו פון די השגה פון 'כתר', אנערקענען מיר אז דער תכלית פון א איד איז צו אנטדעקן דעם "אַיִן" וואס האט זיך באהאלטן אין א ריזיגער מגושמ'דיגער וועלט, וואו דער באשעפער איז פארהוילן פון דער מענטשהייט. און דער ציל דערפון איז אז מיר זאלן דינען דעם אויבערשטן און קלארשטעלן אז **אויסער דעם רצון הבורא איז גארנישט דא אויף דער וועלט**.

**דאס קינד קען דיר עס נישט מסביר זיין. ער קען נאר זאגן: "ווייל איך האב עס ליב..." אבער פארוואס? ווייל אזוי... דאס איז דער מציאות, דאס מאכט מיר א תענוג...**

## צוריקברענגען דעם יש צום 'אין'

די עבודה פון דעם איד איז צו נעמען דעם יש און עס צוריקברענגען צום אַיִן. אנשטאט ער זאל זאגן אז ער פארשטייט אלעס מיט זיין אייגענע שכל, זאל ער אנקומען צו די השגה אז ער פארשטייט באמת גארנישט, און אזוי זאל ער אויפזוכן דעם פינטעלע געטליכקייט וואס איז באהאלטן אין די גאנצע בריאה, אפילו אין די נידריגסטע פלעצער, און איינזען אז די גאנצע בריאה קומט פון דעם רצון הבורא וואס מיר האבן נישט קיין שום השגה דערין [זע תוספת נופך אות ד],

די הייליגע און דערהויבענע עבודה פון "מידת האין", דאס איז די ספירה פון "כתר" ווי עס טייטשט זיך אויס ביי אונז דא אויף דער וועלט, וואס מיינט "צו ווילן דעם אויבערשטן אן קיין שום סיבה", נאר **פשוט צו טון זיין רצון ווייל דאס וויל ער!** מיט דעם ווערט ערפילט זיין הייליגע "רצון הפשוט", אזוי ווי רש"י הקדוש זאגט אין פרשת ויקרא (א, ט) אויפ'ן פסוק "ריח ניחוח" - "נחת רוח לְפָנַי שאמרתי ונעשה רצוני", פון דעם האט דער אויבערשטער א נחת רוח, אז מען ערפילט זיין ווילן אזוויי עס איז!

די וועלט איז פול מיט גשמיות וואס שרייט ארויס: "איך" טו, "איך" מאך, "איך" שאַף... אבער דער אויבערשטער וויל זען ווי א איד אנערקענט באמת אז א מענטש ווייסט גארנישט און טוט גארנישט און פאלגט דעם רצון הבורא אן פרובירן אפילו צו פארשטיין, **אין אמת'דיגע כח ליגט באהאלטן אין דער גאנצער בריאה וואס דאס איז דער אייביגער באשעפער**; איך האב אנטדעקט דעם באהאלטענעם כח און איך אנערקען אז די גאנצע עולם

> **דער תכלית פון א איד איז צו אנטדעקן דעם "אַיִן" וואס האט זיך באהאלטן אין א ריזיגער מגושמ'דיגער וועלט, וואו דער באשעפער איז פארהוילן פון דער מענטשהייט.**

הגשמי איז בטל ומבוטל צום אמת'ן כח פונעם 'בעל הבירה', דער בורא כל עולמים!!!

## הער זיך אויך צו דינען - הייב אן דינען דעם אויבערשטן

א איד וואס הייבט זיך אן מתבונן צו זיין אין די מורא'דיגע זכות אז אים האט דער אויבערשטער אויסגעוועלט פון אלע מיני ברואים אין די וועלט צו טון זיין רצון, וואלט ער אינאמת'ן געדארפט פשוט אויסגיין פון די עצם געדאנק, ביז דאס וואלט ערוועקט ביי אים אליין אן אינעווייניגסטע רצון צו ערפילן דעם אויבערשטנ'ס רצון אויפן בעסטן פארנעם.

און טאקע וועגן דעם האט דער אויבערשטער געמאכט אז דער מענטש זאל נישט שפירן דעם געוואלדיגן זכות. פארקערט, ער זאל שפירן אז ער איז א גאנצער "יש" וואס פירט און טוט, און **ער זאל דארפן שווער הארעווען צו אנטפלעקן די אמת'ע געטליכקייט**. אבער אלעס איז כדי אנצוקומען צום הויפט ציל אז א איד זאל ערפילן דעם "רצון הפשוט" וואס דער אויבערשטער האט געוואלט מיט'ן באשאפן די וועלט, יעדער איינער לויט זיין מדריגה און לויט זיינע כוחות.

דאס איז אלעס נאר ווען א איד דינט טאקע דעם אויבערשטן בלויז ווייל דער אויבערשטער וויל עס. אבער די רגע וואס א מענטש מיינט זיך, ווען ער וויל זיין אייגענע תכלית און זיין אייגענע השגה, איז ער שוין נישט אין דער מדריגה פון מידת האין - כאטש זיין עבודה איז נאכאלס זייער חשוב און טייער, און אוודאי זאל זיך קיינער חלילה נישט אפהאלטן פון דינען דעם אויבערשטן אפילו ער איז נישט אויף דער העכסטער מדריגה.

## מען דארף ארבעטן לאנגע יארן אויף מידת האין

די עבודה פון ספירת הכתר - מידת האין - איז גאר א הויכע מדריגה וואס מ'קומט נישט אן אזוי שנעל צו דעם, און אפילו גרויסע עובדי ה' דארפן ארבעטן דערויף לאנגע יארן, אבער סוף כל סוף האט יעדער איד עפעס א חלק אין דעם. און כאטש ספירת כתר איז די העכסטע מדריגה, קען יעדער איד אנקומען צו דעם.

איז וויאזוי קומט מען אן דערצו?

דער וועג ווי אזוי מען קומט צו זיך צו מדבק זיין אין מידת האין, איז דורך זיך גענצליך מבטל זיין צום רצון ה' מיט א פולשטענדיגע ביטול.

וואס איז דאס ביטול? וואס איז די טיפע משמעות פון אמת'ע ביטול? וואס זענען די מדריגות אין ביטול? דאס אלעס וועלן מיר אויסשמועסן באריכות אין די קומענדיגע גליונות, וואו מיר וועלן צעלייגן בפרטיות ווי אזוי א מענטש קען זיך גענצליך מבטל זיין צום אויבערשטן אין אלע הינזיכטן.

תמצית החידושים
ומושגים בחסידות
שלמדנו במאמר זו

## חסיד'יש גערעדט...

- **ספירת הכתר ווערט אויך אנגערופן מידת האין, ווייל אין דער מדריגה טוט דער איד דעם רצון ה' אפילו ער פארשטייט גארנישט.**
- דער אויבערשטער וויל דווקא אז מיר זאלן אים דינען כאטש וואס עס איז שווער פאר אונז צו פארשטיין זיין געוואלדיגע גרויסקייט.
- **דער איד וואס האט שווערע גשמיות'דיגע נסיונות און ראנגלט זיך מיט'ן יצר הרע - דווקא ער שאפט די גרעסטע נחת רוח פאר'ן אויבערשטן מיט זיין עבודה.**
- מיליאנען מלאכים זינגען שירה פאר'ן אויבערשטן, אבער די גרעסטע תענוג האט ער פון אונז פשוט'ע מענטשעלעך וואס זוכן אים אויף אן קיין מלאכ'ישע השגות.
- **א מענטש 'מוז' גלייבן אז זיין עבודה שאפט אן אויסטערלישע תענוג פאר'ן באשעפער.**
- דער אויבערשטער האט זיך באהאלטן אין דער גשמיות'דיגער וועלט, ווייל ער וויל אז מיר זאלן אים אויפזוכן און אנטפלעקן.
- **"אין" איז סיי דער מצב פון פאר בריאת העולם וואס מיר קענען נישט פארשטיין, און סיי דער רצון הפשוט פון אויבערשטן צו האבן א וועלט וואס מיר קענען נישט משיג זיין.**
- די העכסטע עבודה פון א איד איז צו טרעפן דעם "אין" - דאס איז דער "אין סוף" - אין דעם "יש", וואס איז די גשמיות'דיגע וועלט.
- **די וועג ווי אזוי צוצוקומען צו מידת האין איז זיך צו מבטל זיין צום אויבערשטן בתכלית הביטול, ווי מיר וועלן נאך אויסשמועסן בעז"ה.**

ארויסגעגעבן דורך
**מכון שפ"ה ברורה**

פאר הערות והארות, אדער צו באקומען דעם גליון אויף אימעיל
ביטע שיקט אן אימעיל צו:
beheichala@gmail.com